יוסף רומשינסקי

קלאַנגען פון מיין לעבן

אַרויסגעגעבן דורך דער
סאָסייעטי פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן

פאַרלאַג א. י. בידערמאַן
ניו-יאָרק, 1944

רעגינאַ פּראַגער, די רביצין אויף דער בינע

„שבת, יום-טוב און ראש-חודש דאַוון איך מיר פאַר זיך אַליין" — דאָס איז אַ לידל פון „שולמית", וואָס מאַדאַם פּראַגער פלעגט אָפט זינגען. די ווערטער פונם ליד זיינען זייער צוגעפּאַסט פאַר דעם אַרט לעבן און דער פּערזאָן פון מאַדאַם פּראַגער, אָבער מער צוגעפּאַסט וואָלט געווען, ווען זי וואָלט געזונגען: „שבת, יום-טוב, טאָג און נאַכט לעב איך מיר פאַר זיך אַליין", ווייל דאָס טעאַטער-לעבן, דאָס רוישיקע נאַכט-לעבן, די פּרויען-מאָדעס, אַפילו די טעאַטער-פּאָליטיק, פלאַפּלערייען מיט די קאַפע-געזאַנגעכץ און גערעדעכץ און די ליבעס-אינטריגעס האָבן אויף מאַדאַם פּראַגער גאָרניט געווירקט.

פאַר אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּילט טראַגעדיעס, מאָרדן, חתונות, לעגאַלע און אומלעגאַלע ליבעס — זי האָט דאָס אַלץ ווי גאָרניט באַמערקט. בעסער געזאָגט, זי האָט דאָס אַלץ מער ווי באַמערקט, אַפילו געוואוסט אַלע איינצלהייטן, אָבער עס האָט אויף איר ניט געמאַכט קיין ווירקונג און קיין שום איינדרוק. זי איז ימים-נוראים אין שול און אַ גאַנץ יאָר ביי זיך אינדערהיים. אין טעאַטער זיצט זי זיך אין איר חדר'ל, וואו זי טוט זיך אָן. אומעטום בלייבט זי די מאַדאַם פּראַגער. זי האָט זיך אויף קיינעם ניט אָרויפגעוואָרפן מיט איר פרומקייט און צניעות; אָבער פונקט אַזוי האָט די גאַנצע טעאַטער-אַטמאָספערע אויף איר ניט געווירקט.

„גאָט, פאַרשעם מיך ניט! איך בעט דיך, גאָטעניו, דו זאָלסט מיך ניט פאַרשעמען!" — אָט די תפילה, אָט דאָס געבעט פלעגט מאַדאַם פּראַגער זאָגן פאַר יעדן אויפטריט אויף דער בינע. מיט די ווערטער: „גאָט, פאַרשעם מיך ניט" האָט זי אָפּגעלעבט אויף דער בינע עטלעכע און דרייסיק יאָר.

אין דער רוסישער אָפּערעטע און אָפּערע פלעג איך זען

ענלעכע סצענעס. אַסך פּרימאַדאָנעס, סוברעטינס, ווי אַרמאַ־טאָוו, טשעלסקאַיאַ, דאָבראָטיני, פלעגן קיינמאָל ניט אַרויפגיין אויף דער בינע איידער זיי האָבן זיך גוט איבערגע׳צלמ׳ט. דאָס איז אָבער געווען ביי זיי היפּאָקריזם, אַזוי ווי זיי וואָלטן עפּעס ביי גאָט געוואָלט אויסנאַרן, ווייל אין לעבן זיינען זיי שוין גאָר־ניט געווען קיין הייליקע... און טאַקע די, וועלכע האָט אין לעבן מער געזינדיקט, פלעגט זיך אַממערסטן צלמ׳ען.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז דער פאַל מיט מאַדאַם פּראַגער: זי האָט געהאַנדלט לויט אירע געפילן. לויט ווי זי האָט גע־גלייבט, האָט זי זיך געפירט.

אונזערע גרויסע אידישע קינסטלער, אַקטיאָרן, מוזיקער, שרייבער, טוען אונז שטענדיק טובות, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אויף דער אידישער גאַס, און ביי יעדער געלעגנהייט סטראַשען זיי אונז, אַז זיי גייען אַוועק צו די גויים... זיי זיינען שטענדיק מיט איין פוס ביי אונז און מיטן אַנדערן ביי די גויים. אַ סך אידישע פּיעסעס און ראָמאַנען זיינען אַ שיין ביסל פאַר־קריפּלט געוואָרן, ווייל זיי זיינען געשריבן געוואָרן מיט דער אַבזיכט און חניפה צו די גויים. אָבער די גויים שיקן זיי צוריק צו אונז, און דאַך האַלטן זיי אונז אין איין טאָן טובות. מאַדאַם פּראַגער איז דער היפּוך דערפון, ווייל ווי איך האָב מיך דער־וואוסט, זיינען אירע געלעגנהייטן פאַר דער גרענד־אָפּערע־בינע געווען גרויסע, און איך בין זיכער, אַז זי וואָלט געווען אין די ראַנגען פון אַ פּאַטי, זעמבריך, טעטראַזיני. איר שטים, אויסער וואָס זי איז געווען רייך אין קאָליר, שטאַרק, קלאַנגפול און אין דער זעלבער צייט אַנגענעם, האָט זי געהאַט אַ פון דער נאַטור געשולטן טאָן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַלע גרויסע אָפּערע־זינגער. אָבער איר צוריקגעצויגן פרום, צניעות׳דיק לעבן האָט איר פיל געשטערט אין איר אָפּערע־קאַריערע.

איר שטימע האָט געהאַט אַ דראַמאַטישן, גלייכן, קלאַנגפולן טאָן, וואָס האָט לייכט געקאָנט אַריבערגיין אין קאָלאָראַטור

און סטאַקאַטאָס און באַקומען די לייכטקייט און בייגזאַמקייט פון אַן עכט-לירישער סאָפּראַנאָ. דאָס אַלץ האָט פאַר׳כישופ׳ט אירע צוהערער. ווען זי האָט געזונגען, האָט אין טעאַטער גע-הערשט אַן אָטעם-פאַרכאַפּנדיקע שטילקייט, און ביי איר לעצטן פינאַל פון ליד אָדער וואַלץ-נומער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע טעאַטער פאַלט אויף מיר אַרויף פון די אָוואַציעס און שטורעם.

אין מיין לאַנג-יעריקער קאַריערע האָב איך ליב, ווען איך דיריגיר, צו באַאָבאַכטן דאָס פּובליקום, און איך ווער אָפט קרי-טיקירט, אַז איך קוק מער אויפן פּובליקום, ווי אויף מיין אָר-קעסטער און אויף דער בינע. איך טו דאָס, ווייל איך בין זייער נייגעריק צו זען, ווי אַזוי דאָס פּובליקום רעאַגירט אויף געוויסע סצענעס און נומערן. אָבער ביי מיינע סוקסעספולסטע געזאַנג-נומערן האָב איך נאָך קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז דאָס גאַנצע טעאַטער זאָל אַפּלאָדירן. ביים גרעסטן עקסטאַז בלייבן שטענ-דיק איינציקע זיצן אַזוי ווי ס׳וואָלט אויף זיי קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערביי גאָרניט געווען; אָבער נאָך מאַדאַם פּראַגערס אַן אַריע, אַ ליד, אָדער אַ וואַלץ, פלעגן אַלע, יונג און אַלט, גרויס און קליין — אַלעמענס הענט, אַפילו די פיס, זיינען געווען באַשעפטיקט אין אויסדריקן די באַגייסטערונג פאַר איר שטימע. איך זאָג ניט פאַר איר געזאַנג, ווייל צוליב דעם, וואָס זי האָט ניט פיל געלערנט, האָט איר געפעלט דער ריכטיקער אָטעם און די ריכטיקע אינטאָנאַציע, אָבער די רייכ-קייט פון איר טאָן, דער טעמבער, איר געבענטשטער האַלז האָבן פאַר׳כישופ׳ט און מען האָט אַן אַלץ פאַרגעסן; דאָס הויז פלעגט דונערן ווי קאַנאָנען פון אַפּלאָדיסמענטן. זי פלעגט נאָך אַזעלכע הוראַ-געשרייען און אַפּלאָדיסמענטן פון פּובליקום אַריינלויפן, ווי זי וואָלט ניט וועלן קיינעם באַמערקן, צו זיך אין חדר׳ל, זיך זעצן אַריינקוקן אין אַ ספר, אָדער עפּעס טאָן פאַר איר היים. איר גאָטספאָרכטיקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר שפּילן

טעאַטער. ווען עס פלעגט אויסקומען פּריוויק ביינאַכט צו בענטשן ליכט אויף דער בינע, האָט זי קיינמאָל ניט אָנגעצונדן די ליכט פאַרן פּובליקום, — זיי האָבן באַדאַרפט ברענען פון פריער, אָדער זיי האָבן זיך געדאַרפט אָנצינדן דורך עלעקטרישע עפעקטן.

ראש־השנה האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן. און ווען זי האָט זיך ניט געקאָנט העלפן און מען האָט פאָרט געשפּילט, האָט מען געמוזט וואַרטן מיטן אָנהייבן די בייטאָגעדיקע פאָר־שטעלונג ביז מאַדאַם פּראַגער וועט קומען פון שול, וואו זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט און הארציק גאָט געבעטן.

פאַר מיינע אויגן איז פאָרגעקומען דער איבערגאַנג אין מאַדאַם פּראַגערס קאַריערע — פון דער ליבהאָבערין־פּרימאַדאָנע־ראָלע צו די געזאַנג־מוטער־ראָלעס. איך בין געווען דער פאַר־אורזאַכער פון דעם, און ס'איז אַ סברה, אַז זי איז די ערשטע צייט געווען אַ ביסל ברוגז'לעך אויף מיר, ווייל קיין אַקטיאָר, און באַזונדערס אַן אַקטריסע, וויל ניט אָנערקענען אַזוי גיך, אַז עס איז שוין צייט צו שפּילן עלטערע ראָלעס; און אפילו אַזאַ צוריקגעצויגענע פּערזאָן ווי מאַדאַם פּראַגער האָט עס די ערשטע צייט אויך ניט געוואָלט אַזוי לייכט אָנערקענען.

אָבער שוין גלייך ביי איר ערשטער געזאַנג־מוטער־ראָלע, צו וועלכער איך האָב פאַר איר געשריבן די מוזיק צו באַרים טאָמאַשעווסקיס טעקסט, „די חזנ'טע", האָבן מיר פון דער בינע, צוזאַמען מיטן פּובליקום, געפילט, ווי מאַדאַם פּראַגער כאַפּט זיך אַרום מיט דער ראָלע — די הייליקע, פּאַטריאַרכאַלישע פיגור פון דער חזנ'טע האָט איר געפּאַסט. זי פלעגט די פרומע ווער־טער פון דער פראַזע און די חזנ'ישע ניגונים זאָגן און זינגען מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, אַז מען פלעגט פילן, אַז זי איז זיך מחיה מיט די ווערטער, וואָס זי זאָגט און זינגט, און אַז זי לעבט עס איבער.

„גאָט, פאַרשעם מיך ניט!" — מיט די ווערטער האָט מאַ־

דאָס פּראַגער זיך באַנוצט יעדן אָוונט פֿאַר איר אויפֿטרעטן אויף דער בינע, און מיט די ווערטער האָט זי זיך צוריקגעצויגן פֿון דער בינע, ווייל זי האָט אפשר געגומען פֿילן, אַז די יוגנט וואַרט אויף איר פּאָזיציע. אָבער לאָמיר זי טרייסטן אין אונ־זער באַדויערן, אַז כאָטש עס זיינען שוין אַוועק אַ שיינע פּאָר יאָר ווי זי האָט די אידישע בינע פֿאַרלאָזן, איז נאָך קיין מאַדאַם פּראַגער ניט צוגעקומען, אַפּילו ניט קיין כמעט מאַדאַם פּראַגער.

קיין פּראָפֿעסאָר און קיין מוזיקער האָט אַזוי ניט צוגע־טראָפֿן צו כאַראַקטעריזירן אַן אַרטיסט, ווי אַבֿרהם גאָלדפֿאַדן האָט כאַראַקטעריזירט מאַדאַם פּראַגער מיט די ווערטער אין „שולמית", וועלכע זי האָט אַזוי אָפֿט געזונגען צניעות'דיק און האַרציק. אין די ווערטער שפּיגלט זיך אָפּ מאַדאַם פּראַגערס גאַנץ לעבן:

„שבת, יום־טוב און ראש־חודש
דאַוון איך מיר פֿאַר זיך אַליין..."